בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תצוה תשפ"ה שנה י | גליון מס' 572


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## א תפילה אויף צער השכינה

**"וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת עֲוֺן הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכָל מַתְּנֹת קָדְשֵׁיהֶם וְהָיָה עַל מִצְחוֹ תָּמִיד לְרָצוֹן לָהֶם לִפְנֵי ה'"** (כח לח)

אויף דער פסוק ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון חז"ל אין מנחות [דף כה ב] אז דער ציץ האט מכפר געווען אויב מען האט מקריב געווען בטעות א קרבן וואס איז געווען טמא, אז אויך די קרבן זאל נתרצה ווערן פאר הקב"ה ווי א טהור'ע קרבן.

און אנדערע דערהער ברענגט אראפ **דער גאון רבי שלמה קלוגער** ער זאגט אז דער ציץ האט מכפר געווען אויף קרבנות וואס מען האט מקריב געווען שלא לשמה, ווי למשל אז א איד האט זיך גענויטיגט אין א ישועה און ער האט מקריב געווען א קרבן, אז ער זאל האבן א ישועה און נישט אז עס זאל זיין א 'ריח ניחוח לה' אז אויך די קרבנות זאלן נתקבל ווערן לרצון לפני ה', ווייל אפילו אז לעולם דארף א איד דאווענען און מתפלל זיין צו השי"ת שלא על מנת לקבל פרס ווי די משנה זאגט אין אבות [א.ג]: "הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס", אבער ווייל הקב"ה איז זיך משתתף אין די צרה פון א איד ווי דער פסוק זאגט אין תהלים (צא טו): "עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה" קומט אויס אז אויך הקב"ה איז בצער פון די צער פון א איד און אז מען האט דאס אינזינען קען עס ווערן גערעכענט ווי א חלק פון דער קרבן.

דער תפקיד פון דער ציץ איז געווען מלמד זכות אויף כלל ישראל, אז אויך ווען ער איז מקריב א קרבן און ער האט אינזינען זיין פערזענליכער צער איז עס לשם שמים, ווייל ער האט אינזינען צו די צער פון הקב"ה.

ער פירט אויס אז מהאי טעמא איז געשטאנען אויסגעקריצט אויפ'ן ציץ די ווערטער "קודש לה'" ווייל עס האט מלמד זכות געווען אויפ'ן כלל ישראל אז זייערע פעולות זענען קודש לה'.

די בחינה טייטש ער אריין אין פסוק, אז די קרבן וואס ער איז מקריב פאר הקב"ה און ווי דער פסוק זאגט "עֲוֺן הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" און ער איז עס מקריב נישט מתוך כוונה נאר "לְכָל מַתְּנֹת קָדְשֵׁיהֶם" צו באקומען פון איר א מתנה, דהיינו ארויסצונעמען פון איר א תועלות, אז אויך דאס זאל זיין "לרצון להם לפני ה'".

דאס איז אויךדי כוונה פון חז"ל אין די גמרא (ר"ה ד א): "האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור" אז אפילו אז ער האט געגעבן'די צדקה פאר א צווייטע מטרה, דארף מען אים דן זיין לכף זכות און זאגן אז ער האט מכוון געווען לשם שמים און אז ער איז א צדיק גמור.

'חכמת התורה' עמ' קצב

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## דער "אפוד" בזמן הזה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר אז הקב"ה באפעלט אז מען זאל אנגרייטן פאר די כהנים בגדי כהונה וועלכע זיי וועלן אנטון בשעת די עבודה.

די תוה"ק צייכנט אן די מעלה פון די קליידער אז זיי זענען "לכבוד ולתפארת" און אז זיי זענען מפאר די כהנים און אז זיי זענען אויך מקדש דער כהן און גרייטן אים אן ער זאל קענען דינען די עבודה בקדושה ובטהרה ווי עס איז דער לשון הפסוק (שמות כח ג): "ועשו את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי".

פון דער פסוק זעט מען אז די בגדי כהונה איז נישט געווען בלויז קליידער וואס דער כהן האט געדארפט אנטון ביי די עבודה, נאר אז זיי זענען געווען א הייליגער זאך, אז אין זיי איז געלעגן גרויסע און הייליגע כוונות.

אלע בגדים האבן מקדש געווען דער כהן אבער א ספעציעלער קדושה האט געהאט דער 'אפוד'. אין ספר דברי שמואל [פרשת תצוה] דעקט דער הייליגער רבי ר' שמעלקא ניקלשבורגער זי"ע אויף איבער די קדושה פון דער אפוד און זאגט אז איר קדושה איז געווען אז דער ווארט 'אפוד' באטרעפט כמנין פון 'אמן'.

מיט די בחינה טייטש רבי ר' שמעלקא אויס די פסוק "חשב האפוד' אז דער 'חשב' קומט צו זאגן אז דער 'אמן' מוז זיין בכוונה, ווייל 'חשב' איז מלשון 'מחשבה', ווייל אז מען האט אינזינען ווען מען זאגט 'אמן' האט די 'אמן' א גרויסע חשיבות און דער איד גרייט זיך צו דעם און וועט זיך אויך פעדערן און קומען פרי אין שול צו ענטפערן 'אמן'.

מיט דעם בחינה האבן מיר אויך א נחמה ווי אזוי מען קען היינטיגע צייטן זוכה זיין צו די גרויסע סגולה וואס איז געווען אויפ'ן אפוד אז עס האט אפגעהיטן דער איד, אז אויך היינטיגע צייטן איז עס דא ווען מען ענטפערט אמן און מען איז זוכה צו די געוואלדיגע סגולה.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין נאך א בחינה אין די ווערטער 'חשב האפוד'. די ווארט 'חשב' איז אויך מלשון חשיבות, מיר זעען אין חז"ל אז די אפוד פארנעמט א גרויסער חשיבות אין די תורה.

עס איז באקאנט די ווערטער פון דער מדרש [דברים רבה ז. א] אז עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביי הקב"ה ווי דער 'אמן' און די בחינה איז מרומז דא אז דער 'אמן' איז חשוב.

נישט נאר אין די 'אפוד' איז מרומז דער אמן, אויך אין די חושן טרעפן מיר א רמז צו די גרויסקייט פון 'אמן'. די זעקסטע שטיין פון די צוועלעף שטיינער אין דער חושן איז געווען דער 'יהלום' שטיין און אויך 'יהלום' בטרעפט כמנין 'אמן'.

בדרך רמז קען זיין אז אזוי ווי דער 'יהלום' וועלכע איז א דימאנט שטיין איז קליין און טראץ איר קליינקייט איז זי טייער איז די זעלבע זאך מיט דער 'אמן'.

דער 'אמן' איז א קליינער ווארט, עס פארמאגט אין איר בלויז דריי אותיות, אבער זי איז א דימאנט און מען זאל איר האלטן אזוי.

מיר האבן אזויפיל רמזים איבער די טייערקייט און די חשיבות פון דער 'אמן' און אויך איבער די סגולה וואס עס איז דא אין איר און מיר דארפן עס אויסנוצן.

אז מיר וועלן עס נוצן וועלן מיר זוכה זיין צו די ברכה וואס עס ברענגט אראפ און אויך אז די קדושה און די שפע וואס דער 'אפוד' פלעגט משפיע זיין בימים ההם זאל משפיע זיין אויף אונז און באלייכטן אונזער לעבן.

מיר וועלן זיך מתגבר זיין אויף די שוועריגקייטן און קומען צופרי אין שול און זוכה זיין צו די ברכה וואס עס ברענגט אראפ און ממשיך זיין שפע אויף אונז און אונזערע קינדער.

**מיט א קריאה פון "ועשו את האפוד"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמאָרשטיין

# שמחה לארצך - די תפילה אויפ'ן מסור

**די געשיכטע וואס מיר גייען דא פארציילן האט דערציילט דער צאנז - קלויזנבורגער רבי דער בעל שפע חיים זצ"ל ביי די קביעות'דיגע חומש רש"י פרשת מטות אין יאר תשל"ח.**

**דערביי האט ער צוגעצייכנט אז די מעשה האט ער געהערט פון דעם נאסוידער רבי' זצוק"ל און ער האט עס געהערט פון דער הייליגער שינאווער רב דער בעל דברי יחזקאל זצוק"ל.**

•

א שלעכטער און א פינסטערער מענטש איז געווען שמחה פון די שטאט פרעשבורג.

שמחה, א איד וועלכער האט געלעבט אין די צייטן פון דער הייליגער חתם סופר זי"ע איז געווען ברייט בארימט אין די שטאט פרעשבורג איבער זיינע מסירות וועלכע האבן פארשאפט גרויס צער פאר די פרעשבורגער אידן.

א שלעכטער הארץ האט שמחה געהאט. די זעלבע אידישע הארץ וואס האט ליב צו טון גוטס מיט א צווייטן איד איז ביי אים געווען איבערגעדרייט אויף שלעכטס, עס האט געטון שלעכטס מיט אידן.

א זעלטענער סאדיסטישער געשמאק האט שמחה געהאט זעענדיג ווי א איד ווערט געפירט מיט געקייטעלטע הענט אין די פרעשבורגער טורמעס. ווען אימער ער האט געזען א געזעץ פארלעצונג ביי די אידן איז ער געלאפן צו די פאליצײ און פאר'מסר'ט די אידן.


דער גרויסער שול פון די שטאט פרעשבורג וועלכע איז געשטאנען ביז צו די צווייטע וועלט קריג

מערערע אידן האבן פרובירט זיך צו בעטן ביי שמחה ער זאל טוישן זיינע מעשים, ער זאל דערוועקן דאס פינטעלע איד אין זיין הארץ, אבער ווי צו די וואנט, שמחה איז געווען הארט, ער איז נישט געווען גרייט ווייכער צו מאכן זיין פירונג.

אין יענע יארן האט די עסטרייכישע רעגירונג ארויסגעגעבן א געזעץ אז אלע יונגע בחורים מוזן זיך שטעלן אין די עסטרייכישע מיליטער. די גזירה האט אויסגערופן זארג ביי אלע אידן און ביי די ישיבה בחורים אין די שטאט פרעשבורג, די מיליטער איז געווען א סכנה פאר די בחורי הישיבה ברוחניות ובגשמיות און יעדער האט עס געזוכט אויסצומיידן.

מערערע פאטענטן און אויסוועגן האבן די ישיבה בחורים געפינען און זיך געהאפט צו פטר'ן מיט דעם פון די ישיבה לאסט. מאנכע האבן געפעלשטע פאספארטן פון אנדערע לענדער, אנדערע האבן זיך ארומגעשפילט מיט די עלטער און אדאנק די מערערע שפיצלעך און אינטריגעס וואס די פרעשבורגער בחורים האבן געמאכט האבן זיי מצליח געווען ארויסצוגיין פון מיליטער און די הילכיגע קול תורה וואס האט אפגעהילכעט אין די ישיבה האט ממשיך געווען מיט'ן פולן ברען.

אין א טאג, ווען שמחה איז געווען אין גאס, איז ער פארביי געגאנגען די ישיבה קארידארן, הערנדיג די די זיסע קול תורה האט ער זיך געוואונדערט ווי אזוי קען זיין אז די ישיבה איז ממשיך טראץ די געזעץ.

נאכ'ן גריבלען א שטיק צייט האט ער געהערט איבער אלע שטיקלעך און אינטריגעס און גלייבנדיג אז דאס קען זיין א שטארקע מסירה האט ער זיך אוועקגעזעצט און אפגעשריבן א בריוו צו די ראשי הקהילה און זיי איינגעמאלדן אז ער גרייט אן א גוטער קעיס קעגן זיי און אז זיי זאלן זיך גרייטן צו ליידן די קאנסקעווענצן.

דערשראקן און איבערראשט פון די מסירה זענען די ראשי הקהילה אריבערגעלאפן צום שטוב פון שמחה און זיך אנגעהויבן איינבעטן ביי אים אז ער זאל עס נישט טון אבער שמחה איז געווען פאר'עקשנ'ט.

זעענדיג אז מיט גוטענס גייט עס נישט זענען זיי אריבער צום שטוב פון דער הייליגער חתם סופר זי"ע. אנקומענדיג אין שטוב פון דער חתם סופר האט ער געהאלטן אינמיטן געבן שיעור. ער האט זיי געבעטן צי זיי קענען אויסווארטן ביז ווען ער ענדיגט צו דעם שיעור.

נאך די שיעור איז דער חתם סופר אריבער צו דער שטוב פון שמחה און זיך איינגעבעטן ביי אים אז ער זאל נישט איינגעבן זיין קלאגער אדער דער שטאלצער שמחה האט זיך נישט געבויגן, מיט די גרעסטע מאס גאוה האט ער זיך גע'חוצפה'ט צום הייליגן חתם סופר זי"ע זאגנדיג אז קיין שום זאך אין די וועלט וועט אים נישט אפשטעלן פון אויספירן זיינע פלענער.

"מארגן אינדערפרי וועל איך אהינגיין". האט ער זיך אנגערופן צום הייליגן חתם סופר.

"בוקר ויודע ה' את אשר לו....".

דער חתם סופר האט פארלאזט דאס הויז, דער חתם סופר מיט זיין הייליגע פמליא האט נישט עספיעט צוגיין צו ווייט ווען פלוצלונג האט מען געהערט קולות פון שמחה'ס שטוב, זיין צונג האט זיך אויפגעבלאזן זייער שטארק און עס האט געדראאעט אים צו דערשטיקן.

"רבי". האט זיין פרוי געבעטן.

"זייט'ס מתפלל פאר מיין מאן, ער דערשטיקט זיך צום טויט". האט זיין פרוי זיך געבעטן.

"זיכער וועל איך מתפלל זיין פאר אים, איך וועל אים איינזין האבן ביי די ברכה פון 'ולמלשינים אל תהי תקוה'".

א שטיק צייט שפעטער איז די ידיעה ארויס אין די שטאט אז שמחה איז געשטארבן מיט א מיתה משונה.

די חברה קדישא האט זיך געגרייט צו די לויה ווען דער חתם סופר זי"ע האט געלאזט וויסן אז ער וויל זיך באטייליגן ביי די מסע הלויה און געבן ביי איר א הספד אויפ'ן נפטר.

די שמועה האט זיך בליץ פארשפרייט אין די שטאט, קינד און קייט זענען געקומען צו לויפן, יעדער איז געווען נייגעריג וואס דער רבי גייט זאגן ביי די לויה.

די מאסן איז געקומען צוגיין און דער חתם סופר האט זיך אנגערופן איבערזאגנדיג די ווערטער וואס מען זאגט ראש השנה ביים דאווענען "שמחה לארצך וששון לעירך" און געטייטש אז ווען שמחה גייט אריין אין די ערד ווערט מקויים דער "ששון לעירך" אז די גאנצע שטאט אטעמט אפ און פריידט זיך אז מען איז פטור געווארן פון דעם רשע.

די שטאט פרעשבורג האט זיך געפרייט און אפגעאטעמט הערנדיג די נייעס אז שמחה איז שוין מער נישט דא, אז ער איז שוין נישט קיין געפאר פאר די שטאט און די בחורי הישיבה.

'שפע חיים' תורה ומועדים חלק יט עמ' שעה

**א גוטער ארט וואו מען קען באקומען א שטיקל באגריף איבער די גרויסקייט פון דער אמן קען מען עס זען אין די מפרשים ווי אזוי זיי לערנען אפ דער מאמר חז"ל פון "גדול העונה אמן יותר מן המברך".**

אין צוויי ערטער אין חז"ל ווערט אראפגעברענגט דער מאמר, איינמאל איז עס אין מסכת ברכות [דף נג ע"ב] און די צווייטע מאל איז עס אין מסכת נזיר [דף סו ע"ב].

די שאלה וואס ווערט שווער ווען מען לערנט די מאמר חז"ל פרעגט זיך פון זיך אליין. ווי אזוי קען זיין אז דער וואס געט א צושטימונג צו די מצוה זאל זיין גרעסער ווי דער וואס מאכט די מצוה.

די שאלה האט שוין געמוטשעט די גדולי עולם און מיר וועלן דא אראפברענגען עטליכע מהלכים וואס די מפרשים געבן צו פארשטיין.

די מהלכים געבן א שטיקל בליק איבער די גרויסקייט פון דער 'אמן' און איר כח.

•

## עניית אמן - איז די קיום הברכה

איינס פון די מראי מקומות וואס געבן צו פארשטיין די שאלה איז דער רשב"א. אין שו"ת הרשב"א (ח"ה סי' נג) ווערט ער אנגעפרעגט די שאלה און ער ענטפערט עס. ער הייבט אן זאגן אז עס איז דא דערינען סודות התורה וכלשונו הק: "גם בזה יש ענין נעלם לבעלי החכמה אבער נאך דעם גייט ער אריבער און ער עס איז מסביר על פי פשטות.

זיין הסבר איז אז דער אמן איז דער קיום הדבר פון די ברכה משא"כ דער מברך איז נאר מודה און ער איז נישט דער קיום פון די זאך און ווייל עס איז מקיים די זאך האט עס אזא גרויסער כח.

## א ברכה אן קיין אמן - איז ווי א שטר וואס איז נישט מקויים

נאך א מהלך וואס מען טרעפט אין די ראשונים איז אז א ברכה אן קיין אמן איז ווי אן אומפארענדיגטער זאך.

א גוטער צושטעל אויף דער געדאנק זאגט רבי דוד אבודרהם (סדר חזרת הש"ץ). ער זאגט אז עס איז ווי א געשריבענער שטר וואס האט שוין א חתימה אבער עס איז נאכנישט באשטעשטיגט געווארן אין בית דין ווייל דער 'אמן' איז עס מקיים.

די הלכה ביי אזא שטר איז קען דער נתבע טענה'ן אז עס איז מזוייף און די זעלבע זאך איז דא מיט די ברכה און דער 'אמן' אז אזוי לאנג ווי עס איז נישט באשטעטיגט מיט'ן אמן איז נישט קיין באשטעטיגטער זאך.

מיר ברענגען דא אראפ לשונו בקודש: "המברך דומה לשטר שלא נתקיים בבית דין ויכול אדם להכחישו, ואחר שהוא מאושר ומקוים, עליו אין להוסיף וממנו אין לגרוע, כך אמן הוא חותם קיום הברכה" (וכן כתב ה'ארחות חיים' [לר"א מלוניל] דין עניית אמן סעיף ד).

## א ברכה אן קיין אמן - איז ווי אן עדות פון אן עד אחד

דער רבנו בחיי (שמות יד א) האט אן ענליכער מהלך צו דעם. ער זאגט אז דער ברכה אן קיין 'אמן' איז ווי א שטר וואס איז נישט באשטעטיגט געווארן אבער ער לייגט צו נאך א משל אז די ברכה איז ווי אן עדות פון אן עד אחד.

דער וואס מאכט די ברכה איז ווי דער עד אחד וואס קומט עדות זאגן אויף די מעשה דאגעגן דער וואס ענטפערט 'אמן' איז ווי דער צווייטער עד און פון אים ווערט באשטעטיגט די עדות.

ער פירט אויס אז אזוי ווי דער 'אמן' פון אן עד אחד האט נישט קיין תוקף וקיום און אז מיט די צווייטע עדות ווערט עס מקויים איז די זעלבע זאך ביי די 'אמן' אז די ברכה איז ווי דער עד אחד און די 'אמן' איז ווי דער צווייטער עדות און ווייל די צווייטע עדות מאכט די זאך זאגן חז"ל "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

## א ברכה אן קיין אמן - איז ווי אן אומגע' חתט'ער שטר

נאך מער ווי דעם זאגט דער מהרש"ל אין זיין ספר 'עמודי שלמה' אויפ'ן הסמ"ג (עשה כז) אז די ברכה איז ווי דער גוף השטר און דער 'אמן' איז ווי די חתימת העדים און פאלגענד איז זיין לשון: "כשם שהשטר אינו נחשב כלום עד שיחתמו עליו עדים, כך אין הברכה חשובה עד שיענו עליה אמן, כי אז היא החתימה, כי אמן היא חותם הברכה".

זיינע ווערטער איז דער מהרש"ל מסיים אויספירנדיג: "כך קיבלתי" (אויך זיין תלמיד דער בעל 'כלי יקר' אין זיין ספר 'עוללות אפרים' חלק ג מאמר תס מאכט דער זעלבער צושטעל אז א ברכה אן קיין 'אמן' איז ווי א שטר אן קיין חתימה).

## עניית אמן איז די גמר המצווה

דער רא"ש איז מסביר דער געדאנק על פי די ווערטער פון די חכמים אין (סוטה יג ב): "כל העושה דבר ולא גמרו, ובא אחר וגמרו, מעלה עליו הכתוב על שגמרו כאילו עשאו". אז ווען א מענטש טוט א זאך און ער ענדיגט עס נישט און עס קומט א צווייטער און ער ענדיגט עס צו רעכענט מען ווי דער וואס האט געענדיגט די זאך האט דער זכות אויף די גאנצע זאך.

מיט דער יסוד געט דער רא"ש צו פארשטיין די מעלה פון דער 'אמן'. דער וואס מאכט א ברכה איז די בחינה פון "עושה דבר ולא גמרו" און די גמר פון די ברכה איז דער 'אמן'. עס קומט אויס לויט דעם אז דער (רש"י ברכות מז א ד"ה עד) גומר פון די ברכה איז דער וואס ענטפערט און ווייל ער איז משלים די ברכה איז עס נקראת על שמו און ווייל עס איז נקראת על שמו זאגן חז"ל "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (תוספות הרא"ש ברכות נג ב; 'שלמה משנתו' שם. וראה 'ליקוטי מהרי"ח' דיני חזרת הש"ץ).

## דער אויסהערער האט מער כוונה ווי דער מברך

א שיינער הסבר אויף דעם זאגט דער 'מאירי' (תענית ב א). ער זאגט אז חז"ל האבן א נאמען געגעבן פאר תפילה "עבודה שהיא בלב" - אן עבודה וואס גייט צוזאמען מיט דער מענטשליכער הארץ ווייל עבודה גייט צוזאמען מיט כוונת הלב. ווען מען מעסט ווערט עס האט מער כוונה צי דער 'מברך' צי דער 'עונה' קען זיין אז דער 'עונה' האט מער כוונה ווייל דער מברך איז טרוד אין די ברכה משא"כ דער עונה איז נישט טרוד מיט גארנישט, ער דארף נאר אויסהערן די ברכה.

פירט אויס דער מאירי' אז וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט אז זיין חלק איז גרעסער ווי דער מברך ווייל ער האט מער כוונת הלב ווי דער מברך. ('בית הבחירה למאירי' נזיר שם).

## אין 'אמן' איז דא יחוד ה'

נאך א מהלך טרעפט מען אין די ראשונים איבער די מעלה פון אמן איבער די מברך. די גמרא אין פסחים (נ א) זאגט אז א איד מעג נישט ארויסזאגן מיט'ן מויל דער שם הוי"ה אזוי ווי עס שטייט. די חכמים האבן מתקן געווען אז וועגן דעם זאל מען זאגן דער שם אדנות.

עס קומט אויס אז דער וואס מאכט די ברכה קען נישט זאגן דער שם הוי"ה משא"כ דער וואס זאגט 'אמן' האטביידע זאכן ווייל אמן באטרעפט דאך צ"א און די מספר איז די גימטריא פון ביידע שמות, דער שם [הוי"ה] ווי עס ווערט געשריבן און דער שם [א.ד.נ.י] און וועגן דעם איז דער 'עונה' חשובער ווי דער 'מברך'. ('הרוקח' הל' סעודה סי' של; 'בעל הטורים' דברים כז כו).

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### די ווארט "אפוד" איז גימטריא "אמן"

**"וְעָשׂוּ אֶת הָאֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן תּוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב... וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו כְּמַעֲשֵׂהוּ מִמֶּנּוּ יִהְיֶה"** (כח ו-ח)

**זאגט דער רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג:**

אין דער פסוק "ועשו את האפד" איז מרומז אז א איד זאל מקפיד זיין אויף עניית אמן ווייל "אפוד" (בכתיב מלא) איז גימטריא 'אמן'. דער המשך הפסוק "חשב האפוד" וועלכע מען האט אריינגעבינדן אין די עק פון דער אפוד איז מרמז אז א איד זאל אנגרייטן זיינע מחשבות צו ענטפערן אמן. ('דברי שמואל').

אויף דער זעלבער מהלך אז אפוד באטרעפט כמנין אמן זאגט רבי חיים מאיר מזרחי פון די חכמי איזמיר אז דאס איז א רמז אויף אמונה ווייל חז"ל (שבת קיט ב) אז דער 'אמן' איז ראשי תיבות "א-ל מלך נאמן".

ער געט מיט דעם געדאנק צו פארשטיין דער מאמר חז"ל (ערכין טז א) אז אפוד איז מכפר אויף די עוון פון עבודה זרה - ווייל דורך אמן איז מען מחזק די אמונה בה' און מיט דעם איז מען זיך מתגבר אויף די חטא פון עבודה זרה. ('בן יאיר' אות ד).

### "ונשמע קולו" דורך די עניית אמן

**"וְהָיָה עַל אַהֲרֹן לְשָׁרֵת וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת"** (כח לה)

**רבי חיים אפרים בלאיטי הי"ד פון די דיינים פון די שטאט טארלניא אין סלאוואקיי** דרש'נט פון דער פסוק די מעלה פון 'אמן'.

ער זאגט אז בשכר פון "וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ... לִפְנֵי ה'" - מיט עניית אמן איז א איד פארזיכערט: "וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת" - אז ווען ער גייט ארויס פון די וועלט וועט זיך עפענען פאר אים די די שערי גן עדן און אז דארט וועט ער טרעפן זיין חלק צווישן די צדיקים, ווייל די צדיקים נאך זייער טויט ווערן אנגערופן חיים אזוי ווי חז"ל זאגן שוין (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן" ('אשל חיים').

### די כח פון א ברכה

**"וְהִקְטַרְתָּ אֶת כָּל הָאַיִל הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה הוּא לַה' רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַה' הוּא"** (כט יח)

דער זוה"ק (עקב רעא א) איז מבאר אז די ברכות וואס א מענטש מאכט האט א מורא'דיגע כח אז עס איז ממשיך שפע פאר זיך און פאר די גאנצע וועלט.

די בחינה לייגט דער זוה"ק אריין אין דער פסוק(שמות כ כא): "בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי" אז ביי יעדע ארט וואו הקב"ה האט געהייסן אז מען זאל דערמאנען זיין נאמען ביי א ברכה וועט מקויים ווערן דער המשך הפסוק - "אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ".

דער זוה"ק איז ממשיך און שטעלט צו דער פסוק פון "אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי" צו די ברכה וואס שטייט אין תהלים (תהילים כ ג): "יִזְכֹּר כָּל מִנְחֹתֶךָ" אז יעדע ברכה וואס א איד מאכט ווערט גערעכענט ווי דער איד האט מקריב געווען א מנחה.

א רמז צו דעם אז יעדע ברכה ווערט גערעכענט ווי א מנחה און איז לריח ניחוח לה' קען מען אויך פון דער גימטריא פון דעם פסוק: "רֵיחַ נִיחוֹחַ אִשֶּׁה לַה' הוּא" - ווייל די גימטריא פון דעם באטרעפט כמנין "מאה ברכות" ('המברך יתברך' [לגרי"מ שכטר] עמ' כד).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



### דער הייליגער חיד"א

#### י"א באדר תקס"ו

דער הייליגער חיד"א רבי חיים יוסף דוד אזולאי איז געבוירן געווארן אין ירושלים עיה"ק אין יאר תפ"ד צו זיין פאטער רבי רפאל יצחק זרחיה. אין די הסכמה צו זיין ספר 'שער יוסף' שרייבט זיין טאטע אויף אים מורא'דיגע ווערטער. ער דרוקט זיך אויס אויף אים מיט די פאלגענדע ווערטער: "כבן שש כבן שבע, תחל רוח ה' לפעמו".

דער הייליגער חיד"א האט געלערנט תורה ביי זיין פעטער רבי יונה נבון דער בעל 'נחפה בכסף'. אין זיין הסכמה אויף די ספרי החיד"א שרייבט ער: "לו זרוע עם גבורה, אשר בצאתו מרחם קדשוהו שמים, קידושי תורה עסוק באורייתא תדירא, גם בלילה לא שכב לבו וילך הלוך וגדל, אהבת עולם אהבתיהו".

אין יאר תקי"ג האבן די חכמי חברון ארויסגעשיקט דער חיד"א אויף א שליחות קיין אויסלאנד. די שליחות האט זיך געצויגן פינף יאר, נאר אין יאר תקי"ח האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים עיה"ק.

אין יענער צייט האט מען אים אויפגענומען אלץ דיין און ער איז געווארן א מיטגליד אין די חבורת המקובלים פון דער הייליגער רש"ש.

עטליכע יאר שפעטער אין יאר תקכ"ד איז ער געווען אין קאהיר און מען האט אים דארט ממנה געווען אלץ רב, מיט די רבנות פאסטן האט ער אנגעהאלטן ביז תקכ"ט ווען ער האט זיך צוריקגעקערט קיין חברון.

אין יאר תקל"ג איז ער נאך אמאל ארויס פון ארץ ישראל און זיך באזעצט אין די שטאט ליווארנא אין איטאליע און איז שוין דארט געבליבן ביז צו זיין פטירה. ער האט אפגעזאגט אלע הצעות צו דינען אלץ רב און איז געזעסן דארט און געשריבן חידושי תורה, זיינע ספרים.

דער חיד"א האט זוכה געווען איבערצולאזן א רייכע ירושה פאר'ן כלל ישראל, ער האט איבערגעלאזט אזויפיל ווי הונדערט און צוואנציג ספרים אויף אלע מקצועות שבתורה.

דער חיד"א איז נסתלק געווארן ליל שב"ק פאר זכור אין יאר תקס"ו און איז נקבר געווארן אין די שטאט ליווארנע. אין די יאר תש"ך האט מען ארויפגעברענגט זיין קבר קיין ארץ ישראל און מען האט אים געלייגט אויפ'ן הר המנוחות אין ירושלים עיה"ק.

### א מנהג וואס איז נתפשט געווארן אין כלל ישראל

אויף דער מנהג פון זאגן ברכות בחברותא שרייבט דער חיד"א אין זיין ספר ('ברכי יוסף' או"ח תרעז ב) אז די מנהג איז נתפשט געווארן אין די גרויסע שטעט און אין די קליינע דערפער.

### די צאל דברים שבקדושה וואס א איד דארף זאגן טעגליך

אין זיין ספר 'צפורן שמיר' (ט קלג) רעכנט דער חיד"א אויס אלע זאכן וואס א איד דארף משלים זיין יעדן טאג.

מיר ברענגען דא אראפ לשון קדשו: "ישלים בכל יום צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות - ראשי תיבות צדי"ק. והוא אחד מתיקוני 'צדיק יסוד עולם'".

### ניינציג אמנס א טאג - א שמירה פון מזיקים

אין זיין ספר 'מדבר קדמות' (א לג) ברענגט דער חיד"א אראפ וואס ער האט געזען שטיין אין א אן אלטער כתב יד פון דער מקובל רבי אליעזר נחמן פואה א תלמיד פון דער הייליגער רמ"ע מפאנו אז ווער עס איז מקפיד יעדן טאג צו ענטפערן ניינציג אמנ'ס ווערט נישט געשעדיגט פון כישוף.

ער צייכנט צו אז ער האט דאס געהערט פון א פרוי' וואס האט דערציילט אז זי האט געהערט פון א מזיק אז ער האט געזאגט אז ער קען נישט אויספירן זיין שליחות - ווייל דאס קינד האט יענעם טאג געענטפערט ניינציג אמנ'ס און אין אזא טאג האט ער נישט קיין כח אים צושעדיגן.